פאַרישער זייט; און אַריינגעמענדיק זי אין אַ מוסטער, וואָס קומט צום נאָענטסטן צו די באַדינגונגען פון מוזיק, קאָן ער דעמאָלט טיילווייז דורכברעכן יענע אַנדערע זייט פון שפּראַך, וועלכע זוכט נאָכאַנאַנד צו צעשפּאַלטן די עמאָציע און זי פאַרשפּאַרן אין דער צעל פון „אידייע" און „באַגריף".

אויב מוזיק גיט אונדז אַ קאַלקולוס פאַר דער וועלט פון עמאָציע, גיט אונדז די לירישע פּאָעזיע ספּעציפישע גלייכונגען פאַר די דערפאַרונגען, פון וועלכע די עמאָציע־וועלט ווערט אויפגעשטעלט.

# סימפּאָזיום

מאַני לייב

# אָן טראַדיציעס

טראַדיציעס אין דער יידישער פּאָעזיע. וועלכע טראַדיציעס? וואו זיינען זיי? קענען דען זיין טראַדיציעס אין אַ פּאָעזיע פון אַ פאָלק וואָס האָט קיינמאָל ניט געהאַט דעם קולט פאַר פּאָעזיע, דעם קולט, ביי וועלכן עס ווערן אָפּגעהיט געירשנטע ווערטן, וואָס ווערן מיט דער צייט איינגעשטעלט אין באַשטימטע פאָרמולעס און געבאָטן און גילטן אויף שטענדיק?

די פּאָעטן פון מיין דור האָבן שוין ביי זייערע ערשטע טריט געוואָלט וויסן דעם יחוס פון אונדזער פּאָעזיע. און זיי האָבן זיך געשטעלט די פראַגע: אין די פוסטריט פון וועלכע טראַדיציעס אין אונדזער פּאָעזיע זאָלן מיר גיין?— וועלכע טראַדיציעס אין אונדזער פּאָעזיע זאָלן מיר אָפּהיטן? — און וואו זיינען זיי בכלל יענע טראַדיציעס וואָס די פריערדיקע מייסטערס אין אונדזער פּאָעזיע האָבן אָפּגעהיט?

האָבן מיר געזוכט און גענישטערט אין אונדזער פּאָעזיע כאָטש צייכנס, כאָטש אַן אָנדייט אויף טראַדיציעס וואָס זאָלן אונדז דינען פאַר געבאָטן, און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אין אונדזער פּאָעזיע זיינען ניטאָ קיין טראַדיציעס, קיין אידעאַלע מוסטערן און קיין איינגעשטעלטע פאָרמולעס וואָס מיר מוזן אָפּהיטן.

מיר האָבן געוואוסט פון דעם געזעץ: אַז אין דער פּאָעזיע פון אַ פאָלק ליגט דער באַוואוסטזיין פון דעם פאָלק. און מיר האָבן טאָקע אין אונדזער פּאָעזיע דערקענט דעם באַוואוסטזיין פון אונדזער פאָלק. זיין האַרץ און זיין חכמה.

נאָר זאָל דאָס ניט קלינגען צו שאַרף: מיר האָבן אין אונדזער פּאָעזיע ניט געפונען דעם באַוואוסטזיין פון אירע שעפער — ביי די פּאָעטן אַליין. מיר האָבן אויך געפונען, אַז ניט נאָר ביי אונדזער פאָלק איז קיינמאָל ניט געווען קיין קולט, קיין פאַרהערלעכן פון אונדזער פּאָעזיע, נאָר אַפילו די פּאָעטן אַליין האָבן קיינמאָל ניט דערהויבן אונדזער פּאָעזיע צו אַ פּאָעזיע־קולט. איז דאָרטן, וואו עס איז ניטאָ קיין קולט, און קיין דינער און קיין פאַרגעטע־



שפּיגל (נ״י) נומ׳ 20 (דעצעמבער 1945)

רער פון דעם קולט, דאָרטן קענען ניט זיין קיין טראַדיציעס און ניט קיין געבאָטן פאַר שפּעטערע פאַרגעטערער.

אונדזער פּאָעזיע אין טייטש — יידישן דיאַלעקט ציט זיך שוין פון זעכצנטן יאָרהונדערט. שוין אין יענע צייטן האָבן יידישע פּאָעטן געזונגען וועלטלעכע, רעליגיעזע, וואוילערישע, דידאַקטישע, פרומע, עראָטישע און מאָראַלישע לידער. אין די אַלע לידער ליגט דער באַוואוסטזיין פון אונדזער פאָלק.

דערנאָך האָבן יידישע פּאָעטן שוין אין אונדזער מאַמע־לשון געזונגען חסידישע און מיסטישע לידער. מיר נעמען דאָס לויט די עטלעכע מוסטערן וואָס ווערן צוגעשריבן צו רב לוי יצחק באַרדיטשעווער. אין די לידער ליגט דער באַוואוסטזיין פון אונדזען פאָלק.

אין דער זעלבער צייט מיט די חסידישע און מיסטישע לידער האָבן יידישע פאָלקס־פּאָעטן, אָן נעמען, געזונגען אַלע זיבן וואונדער פון דער וועלט. אין די לידער ליגט דער באַוואוסטזיין פון אונדזער פאָלק.

דערנאָך זיינען געקומען משכּילישע פאָלקס־זינגער; דערנאָך די גרויסע בדחנים אונדזערע — און באַלד נאָך זיי, די אַזוי גערופענע קלאַסיקער אונדזערע, וואָס מיין דור האָט געהאַט די זכיה זען זיי מיט די אייגענע אויגן. אין זייערע אַלעמענס לידער ליגט דער באַוואוסטזיין פון אונדזער פאָלק.

נאָר מאָדנע. איבער פיר הונדערט יאָר האָבן יידישע פּאָעטן אויסגעדריקט דאָס האַרץ און חכמה פון אונדזער פאָלק. איז אין דעם פאָלק נאָך ביז מיינע טעג ניט געבוירן געוואָרן קיין קולט און דער פשוטער באַוואוסטזיין צו פאַרהערלעכן זיין אייגענעם שאַפן, דעם שאַפן פון זיינע פאָלקס־קינדער, וואָס האָבן גערעדט מיט זיין מויל, און אַז דאָס פאָלק האַלט אויך ניט הייליק דאָס גרעסטע וואָס אַ פאָלק שאַפט — זיין נייע שפּראַך וואָס עס האָט אַליין באַשאַפן אין משך פון עטלעכע יאָרהונדערטער.

מאָדנע. אויך די פּאָעטן אַליין, וואָס זיינען דורך די אַלע צייטן געשטאַנען ווי די לוויים ביי דעם הייליקן משכן — ביי דער נייער שפּראַך אונדזערער — האָבן געטאָן זייער הייליקע עבודה ווי פון דער האַנט אַרויס אין יענער הייליקער ליבשאַפט צו די הייליקע כלים אויף וועלכע זיי האָבן געזונגען.

האָבן מיר פאַרשטאַנען, מיר די פּאָעטן פון מיין דור, אַז אויף אונדז ליגט די עובדה צו פאַרמעסטן זיך אין שאַפן אָט דעם קולט פאַר פּאָעזיע אין אונדזער יידישער שפּראַך. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַ פּאָעזיע האָבן מיר, מיר האָבן אויך פּאָעטן. אָבער קיין קולט פאַר פּאָעזיע איז ניטאָ, ניט ביים פאָלק און ניט ביי די פּאָעטן אַליין. פאַרוואָס? — ווייל ביז אונדז, אַזוי האָבן מיר פאַרשטאַנען, איז ניט געווען דער צוגאַנג צו פּאָעזיע ווי צו אַ קונסט. אמת, אין דער גאַנצער יידישער פּאָעזיע, אין אַלע צייטן, בליצן דורך צייכנס, אָנדייטן אויף אמתער קינסטלערישער פּאָעזיע. אָבער אונדזער

פּאָעזיע, אײַנגאַנצן גענומען, האָט זיך ביז איצט ניט דערהויבן צו קיין קינסט־לערישער פּאָעזיע לויט די מוסטערן וואָס מיר האָבן אין דער פּאָעזיע פון דער וועלט, ביי די אומות העולם, ביי די זאַטע פעלקער.

איז וואָס האָבן מיר געזאָלט טאָן? זיין פּאָעטן ווי די פּאָעטן פאַר אונדז און ניט זיין קיין קינסטלער־פּאָעטן? אָדער דערהויבן די פּאָעזיע צו אמתער ריינער קונסט?

אפשר ווערן פּאָעטן געבוירן פּאָעטן. אָבער קינסטלער מוז מען ווערן. פאַרטיקע קינסטלער ווערן ניט געבוירן. און מיר זיינען געוועזן ניט נאָר פּאָעטן, נאָר אויך קינסטלער. און — ווען ניט די ליבשאַפט צו דער שפּראַך, צו אונדזער וואונדערלעכער שפּראַך, וואָס איז ביי אונדזער פאָלק ניט הייליק, ניט קיין לשון־קודש — וואָלט אפשר יעדער איינער פון אונדז געקענט ווערן אַ גאַנץ גוטער מאָלער, סקולפּטאָר, און אַזוי ווייטער.

און ווי פּאָעטן־קינסטלער, האָבן מיר אין אונדזער פּאָעזיע כמעט ניט געפונען פון וואָס צו לערנען, וואָס אָפּצוהיטן און וואָס אויסצוגלייכן ווי מוסטערן פאַר אונדז. מיר האָבן אָבער ווי יתומים אין אונדזער פּאָעזיע, אויסטערלישע, און ווי גרים, זיך דאָ געוואָרעמט ביי די פונקען, די אויפבליצן פון קינסטלערישקייט, וואָס זיינען צעוואָרפן אין אונדזער פּאָעזיע דורך אַלע צייטן. מיר זיינען געוואָרן פּאָעטן קינסטלער אָן יידישער פּאָעטישער קינסט־לערישער טראַדיציע, נאָר פּאָעטן־קינסטלער אויף דער יידישער שפּראַך.

וואו האָבן מיר געשעפּט די חכמה פון קונסט? — טאַקע ביי אונדזער פאָלק, אין די זעלטענע קינסטלערישע אויפבליצן אין אונדזער פּאָעזיע — און אויך צו להכעיס אַלע אונדזערע יידישלעכע טראַדיציאָנאַליסטן, ראַציאָנאַ־ליסטן און זשורנאַליסטן — טאַקע ביי די גוים, די זאַטע שכנים אונדזערע.

נישקשה, די זאַטע פעלקער האָבן גענוג געלערנט ביי יידן, און אונדזער פאָלק האָט ניט ווינציקער געלערנט פון די זאַטע פעלקער. לערנען אפילו פון קלענערע פון זיך איז ניט קיין אומכבוד — בפרט, אַז אין הלכות קונסט האָבן מיר אַ ביסעלע פאַרשפּעטיקט. און, צי מיר ווילן, צי מיר ווילן ניט — האָבן אונדזערע פּאָעטן פון אַלע צייטן, פון די טייטש־יידישע פּאָעטן ביז די קלאַסיקער אונדזערע געלערנט פון די גויאישע פּאָעטן און זיי אַ היפּש ביסל נאָכגעמאַכט — און פון דעם דרינגען מיר, אַז די יידישע פּאָעטן האָבן ערגעץ יאָ אָפּגעהיט געוויסע טראַדיציעס אין פּאָעזיע, און טאַקע פון דער פּאָעזיע פון די זאַטע פעלקער.

די פּאָעטן פון מיין דור זיינען ניט קיין אויסנאַם. אָבער די פּאָעטן פון מיין דור, ווי באַוואוסטזיניקע קינסטלער, האָבן דערפאַר באַשאַפן ביי יידן דעם קולט פאַר יידישער ריינער, אמתער, גרויסער אוניווערסאַלער פּאָעזיע. און — פון אונדז דאַרף זיך ערשט אָנפאַנגען די פּאָעטישע טראַדיציע. און — אונדזער פאָלק, אַז ווי איז אונדז, וועט אונדז נאָך אַמאָל דערמאָנען צום גוטן.



י. י. סיגאַל

# דער זיידע פון דער יידישער פּאָעזיע

דאָס יידישע ליד, ווען עס זאָל זיך אַוועקלאָזן אויפן וויטן וועג צוריק, זוכן זיין יחוס־שטאַם, וועט עס פאַרבלאָנדזשען ווער ווייס אין וואָס פאַר אַ פרעמדע און האַלב־פרעמדע מדינות, וואו ס'איז שוין איצט נישט געבליבן קיין סליאַד, קיין שאָטן פון יענע ערשטע „זינגער און שפּילער", וואָס זיינען געוועזן זיינע שטאַם־פּאַטערס אָדער סתם־פּעטערס אויף וועמען עס פאַררופן זיך די פאָרשער און וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיטאָרן. דאָס יידישע ליד, ווי מיר קאָנען עס היינט אין אונדזער מאָדערנער צייט, נויט אונדז גאָרניט מיר זאָלן זיך דאַרפן אונטערנעמען אַזעלכע ווייטע נסיעות, ווייל אונדז גאָרנישט אַוועקזעצן אויף דער קאַלטער, געדולדיקער באַנק פאַר גאַנצע פּעק און הויפנס ספרים אין וועלכע מיר וועלן זיך דערבלעטערן צו די ערשטע מקורים, צו די ערשטע צווייג־געדיכטענישן אין וועלכע דאָס יידישע ליד האָט גענעסטיקט און פון דאָרט אַרויסגעזונגען זיין ערשטן פריזומער הימן.

מיר, יידישע פּאָעטן פון היינט, וואָס פאַר אונזערע אויגן זיינען פאָר־געקומען אַלע עוואָלוציעס און רעוואָלוציעס פון דער נייער יידישער פּאָעזיע, געדענקען נאָך פריש די יונגע טראַדיציע פון אונזער קינסטלעריש ליד, ווי עס האָט נאָר־וואָס אַראָפּגעציטערט פון אונזער אויערלעפּל און פאַרשוואונדן. מיר האָבן געקענט דאָס יידישע פאָלקסליד ווי אַן איינענעם, אַ קרוב, אַ בן־בית פון אונזער גאַס און פון אונזער שטוב. מיר האָבן עס געהערט זינגען פון אונזערע אייגענע מאַמעס, שוועסטער און כלות. מיר האָבן עס פאַר־נומען פון זיין סאַמע פאַרשטענדיקן אָנהייב, ווען עס האָט פאַרשפּרייט דרימל און רו איבער אונזער קינדערוויג. די שפּעטערדיקע לידער וואָס מיר האָבן געהערט אַרום זיך אין שטוב, הויף און גאַס, זיינען געוועזן אַ נאַטיר־לעכע לעבעדיקע פאָרזעצונג פון דעם ערשטן וויגליד מיט וועלכן אונדזערע מאַמעס האָבן אונדז איינגעשלעפערט און פאַרוויגט.

מיטן וויגליד האָט אַריינגעקלונגען אין אונזערע אויערן די סאַמע ערשטע טראַדיציע פון זינגענדיקן יידישן וואָרט. יידיש האָט אונז אַריינ־געזונגען די ערשטע מוזיקאַלישע זילבן אין אונזער געמיט און וויפל גרויסע, הויכע, וואונדערלעכע איינפלוסן אונדזער אויער איז נישט אויסגעקומען שפּעטער דורכצומאַכן, האָבן זיי שוין נישט געהאַט דעם כוח צו פאַרקלינגען און פאַרטויבן דאָס גאָלד פון יענעם ניגון וואָס האָט אונז פאַרטרויט דעם ערשטן סוד פון יענער מוזיקאַלישער שיינקייט, וואָס די שפּעטערדיקע גרויסע וועלט האָט אים מיט אירע טויזנטער רייצנדיקע און לאָקנדיקע רופן אויפגעעפנט.

דער ניגון און דאָס ליכט וואָס האָבן דורכגעלויכטן דעם דאָזיקן סוד, איז דער סאַמע קרעאַטיווער קערן וואָס קלינגט אַריבער אַלע שפּעטער־געוואונענע עשירותן אין דער גרויסער וועלט־ליטעראַטור. אַלע גרויסע פּאָעטישע השפּעות וואָס מיר געווינען מיט אונדזער קינסטלערישער דערוואַקסנקייט און קינסטלערישן באַוואוסטזיין, דינען אונדז נאָר און לערנען אונדז ווי אַזוי אַרומצוגיין און וואָס צו טאָן מיט יענע ערשטע, מיט דער מאַמעס מילך אַריינגעזויגענע, רייכקייטן אין וועלכע עס האָבן זיך געשפּיגלט לאַנגע דורות דערפאַרונגען; אין וועלכע עס האָבן זיך איבערגעזעצט ווי פון זיך אַליין, אַלע לומדישע תורות, וואָס מען האָט זיי מיט קיין טויזנט הייליקע רעליגיעזע שומרים נישט געקאָנט פאַרהיטן און פאַרווערן, זיי זאָלן נישט אַרויסגיין אָדער אַרויספּליען אויפן פרייען דרויסן, זיך איבערגעבן דעם לעבעדיקן לעבן פון גאַס און מאַרק. און דאָס וויגליד איז ווייטער פאַרגעזעצט געוואָרן, זיך אונטערגעטונקען אין דער טיף פון אונדזער גלות, פונעם גאָלדענעם ציגעלע איז געוואָרן אַ גאָלדענע פּאַווע און די פּאַווע האָט דאָס וויגליד פאַרוואַנדלט אין אַ ליבע־ליד, אין אַ חלום־ליד, אין אַ וואונדערגעזאַנג וואָס האָט אין זיך פאַרוועבט און פאַרמישט די מזמורים פון שולכל און די סדרות פון חדר. און אין וואָס פאַר אַ קונסט־חדר, אָדער ליטעראַרישער שול פון דער פרעמדער מיר זאָלן נישט האָבן שפּעטער־צו געגאַנגען און דורכגעגאַנגען, איז דער דאָזיקער יונגער, פריער באַגאַזש אין אונדז אַזאַ אייגנס, אַזאַ קינסטלעריש עכטער כוח, וואָס מוז צעשמעלצן אַלע אַנדערע, צוגעקומענע, דרויסנדיקע פאַרמעגנס; פולער, פולבלוטיקער און רייכוועלטיקער ווערן, און דורך זיי, ווי דורך די שיינע שלאַנקע פענסטער פון אַ פרעמדן טעמפּל אַרויסזינגען דאָס „אַלטע", דאָס אייגענע, דאָס וואָס איז אַ קבלה פון אינטואיטיווע און באַוואוסטזיניק־איבערגענומענע ירושות.

מיטן כוח פון פאָלקסליד, מיט דער מוזיק וואָס איז אַריינגעקלונגען געוואָרן אין די ראוי־געוואָרענע ווערטער פון גאַס, האָבן מיר דערפילט אין זיך דעם רשות און דעם זכות פאַר וויטערדיקער אינדיווידועלער, אינדיווידועל־סאָציאַלער קינסטלערישער ליד־שאַפונג. איינער פון די שטאַרקסטע שטאַמען אויף וועלכן אונדזער קינסטלעריש ליד לענט זיך אָן איז, לויט מיין מיינונג, דער גרויסער רעליגיעזער חסידות־פירער, פילאָזאָף און פּאָעט, ר' לוי יצחק באַרדיטשעווער, דער קדושת לוי. דורך אים האָט די גרויסע פּאָעטישקייט פון חסידות געפונען איר קינסטלערישן תיקון, ווי די טיפערע דערציילונג האָט דאָס דערגרייכט אין די מעשות פון ר' נחמן בראַצלאַווער.

ר' לוי יצחק האָט דערהויבן דאָס חסידישע געמיט צו אַזאַ פּאָעטישער לויטערקייט און דאָס אינערלעכע טראַכטן צו אַזאַ אָפענעם פרייעם אויסדרוק און עקזאַלטירטער פרייד, אַז די פּערזון פון אַ וואָלט וויטמאַן מיט גאָר זייער גרויסן פּאַטאָס ווערן ווי פאַרשאָטנט און וואָכעדיק. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דער באַרדיטשעווער רב האָט דאָס תנ"כישע,



דעם תנ"כישן איינפלוס אַ סך טיפער, אַ סך דורותדיק־דויערהאַפטיקער פאַרדייעט, ווי דער אַמעריקאַניש־ברייטער וואָלט וויטמאַן.

דער באַרדיטשעווער איז געשטאַנען פון יענער זייט שוועל פון אונדזער נייער ליטעראַטור, מיר מעגן אים אָבער, אָן שום קווענקלעניש, אַריבערפירן די שוועל און אַריינפירן אינעווייניק, אין דער ליטעראַטור. אונדז מעג ער אָנשטיין דער דאָזיקער אַלטער, ווי דער זיידע פון דער יידישער פּאָעזיע. אונדז מעג אָנשטיין דער דאָזיקער זיידע. אין די אויערן קלינגט מיר זיין געזאַנג און די נגינה פון זיין יידיש אַ סך וועלטלעכער, אינעם אייביקערן באַגריף, ווי ד"ר שלמה עטינגערס „מאָדערנע" פּערזן, וואָס זיינען אויך, אין זייער טיפן תוך, עכט יידיש. זיי זיינען אָבער אָן אַן ערך באַשרענקטער, ענגער, שמאָלער ווי די געניאַל־דורכזיכטיקע שורות פון ר' לוי יצחק באַרדיטשעווערס אויפגעפּראַלטע מזמורים. כאָטש אַזוי ווייניק, נאָר אַ פּאָר קליינע לידער־ווערק, נאָר זיי פילן אויס מיט זייער דערהויבנקייט, מיט זייער גייסטיקן הקף די גאַנצע וועלט פון אונדזער נשמה־לעבן. אין תוך זיינען דאָס אויך פאָלקסלידער, לידער פון פאָלק, נאָר זיי זיינען שוין פון יענער ריינער, הויכער מדרגה אויף וועלכער דאָס פאָלק דערקלעטערט אַמאָל אין זיינע זעלטנסטע מינוטן.

אין דעם באַרדיטשעווערס פּאָעזיע קומען זיך צונויף טויזנט־יאָריק תנ"כיש אַלטע טראַדיציע מיט דער טראַדיציע פון גרויסן גלות־לעבן און גלות־שאַפן; תנ"ך מיט עברי־טייטש; אַלט־וועלט מיט מאָדערנעם־לעבן. די אייגענע סימפּטאָמען, די אייגענע מעלות זע איך און הער און פיל אַרויס פון די לידער פון אונדזערע סאַמע מאָדערנסטע עכטע פּאָעטן. די דאָזיקע טראַדיציע איז דער עיקר און דער תוך־נשמה פון איטלעך אמתדיק יידיש ליד, וואָס זיינע אייגענע קוואַלן שלאָגן אין די טיפסטע טיפענישן פון פאָלק און שלאָגן אָן אין זייער וואוקס, אין זייער פאַרנעם ביז צו אַלע ברעגן פון דער גרויסער, גרעסטער קינסטלערישער וועלט־פּאָעזיע.

די פּאָעטן וואָס גייען נישט צום פאָלק אין חדר, וואָס האָבן נישט די זכיה צו דערזען און דערקענען דאָס ערשטע אות וואָס זיין טייטל וויזט אָן און לערנט — די פּאָעטן מעגן אויסלייענען אַלע שבע חכמות פון דער וועלט, בלייבט זייער שאַפן אָן באָדן, אָן ערד אונטער זיך. דער עכטער פּאָעט דערקענט עס אפשר אין זיך אַ סך שפּעטער, ווען ער האָט זיך שוין פאַרתושבט אין דער פּאָעזיע. עס ווערט זיין באַוואוסטזיין ערשט דעמאָלט, ווען זיין שאַפן איז שוין אַן אַריינגעוואַקסענער טייל אין דעם גאַנצן געבוי פון דער וועלט־ליטעראַטור.

אונטערן אָנאָנים וואָס רופט זיך פאָלקסליד שטייט די דורכזיכטיקע חתימה פונעם פּסעוודאָנים: פאָלק. דאָס פאָלקסליד איז דער מוזיקאַלישער רמז וואָס ווינקט־אָן דעם פּאָעט־קינסטלער ווי צו שרייבן לידער, פונקט ווי דער פאָלקס־אידיאָם איז אַ רמז פאַרן קינסטלער פון וואָרט דערפינדעריש צו באַשאַפן נייע אימאַזשן, אייגנאַרטיקע וואָרט־בילדער וואָס פאַרמעסטן זיך

מיט זייער אינערלעכער טיף און פֿאַרביקן דעקאָראַטיוו מיט דעם פֿאָלקס קינסטלערישער גאונות.

די טראַדיציע פֿון אונדזער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע איז דאָס יידישע פֿאָלקסליד. ווי ווייט דאָס דאָזיקע יידישע ליד זאָל פֿון אונדז נישט אָפּגיין און ווי נאָך ווייטער מיר זאָלן דערפֿון נישט אַוועקגיין, בלייבט עס דאָך אַ קערנדיקער גרונט־יסוד אין דער טיפֿעניש פֿון אונדזער פּאָעטישן שאַפֿן. זיין פּשוטער ניגון קלינגט אַריבער און נעמט דורך מיט זיין נאַטירלעכקייט אַלע דערגרייכונגען אין בילד און אין קלאַנג פֿון אונדזער מאָדערן ליד. די נאַטירלעכקייט פֿון דעם דאָזיקן ניגון האַלט קינסטלערישפֿריש און נאַציאָנאַל־עכט אַלע מדרגות און דערגרייכונגען זיינע וואָס צעוואַקסן זיך הויך און פֿריי אַ דאַנק „זייטיקע” און „פֿרעמדע” השפּעות פֿון דער גרויסער וועלט־פּאָעזיע.

אהרן צייטלין

# וועגן פּאָעטישער טראַדיציע ביי אונדז

יידישע פּאָעזיע איז נישט אינגאַנצן אָן טראַדיציע. אַז מע וויל, האָט זי געהאַט אַ היינע־טראַדיציע; געהאַט, קען מען זאָגן, עפּעס ווי אַ ראָזנפֿעלד־טראַדיציע; אַ פּראָלעטאַרישע טראַדיציע אויך — אָן עדלשטאַט־באָווער־טראַדיציע.

אָרום און אָרום איז עס אָבער געווען צו ווייניק טראַדיציע, אַז פּאָעטישער מאָדערניזם ביי אונדז, — יונגיזם און אינזיכיזם אין אַמעריקע, עקספּרעסיאָניזם אין פּוילן, — זאָל האָבן אַ פּאַסיקן אָביעקט פֿאַר רעוואָלוציע . . .

אויף צווייערליי סאָרטן טראַדיציע איז געבויט פּאָעזיע: טראַדיציע פֿון ווערטן און טראַדיציע פֿון פֿאָרמען. מכוח ווערטן־טראַדיציע וויל איך דאָ נישט ריידן: אַ צו ברייטער ענין. וואָס הערט זיך מכוח פֿאָרמען־טראַדיציע?

אַ היבש ביסל פֿאָרמען, — אַנטיקע, מיטל־אַלטערלעכע, נייע, — וואָס ביי די אומות העולם געהערן זיי צום סטאַבילן פּאָעטישן אינווענטאַר, זיינען אין אונדזער איגענער באַלעבאַטישקייט כמעט ווי נישט בנמצא. איז דער מאָדערניזם ביי אונדז געווען אַן איבערבוי פֿון — גיי ווייס פֿון וואָס. וואָס און וועמען האָבן מיר, פֿאָרמען־שטורמער אין פּוילן און אַמעריקע, געשטורעמט? האָבן מיר אין דראַנג נאָך נייע פֿאָרמען געוואָרפֿן אַן אומחן אויף מאָריס ראָזנפֿעלדס — העקזאַמעטערס? אויף פֿרוגס — ווילאַנעלן און גאַזעלן? אויף יהואשס — טערצינען? אויף ווינטשעווסקיס סאָפּישן פֿערז? אויף



פֿרצעס אָקטאַוועס? איז אונדז אין נאָמען פֿון מאָדערנער דינאַמיק (נאָט איך, אגב, אַ גראַשן פֿאַר איר) אויסגעקומען צו באַקעמפֿן טראַדיציעס פֿון אַלטמייסטערישן עפּאָס? איז אונדז אויסגעקומען צו שלאָגן זיך קעגן גרויסאַרטיקע ווינטמילן פֿון פּאָעטישע פֿאָרמען, וואָס האָבן פֿאַרשיכורט דאָס האַרץ פֿון אַ פֿריערדיקן דור?

בלויז איינצלנע זיינען פֿון עקספּערימענט אַריבער צו דעם, וואָס מ'וואָלט אפשר געקאָנט אָנרופֿן נעאָ־קלאַסיציזם. בלויז איינצלנע האָבן זיך געכאַפּט, אַז מ'האָט ביי אונדז עקספּערימענטירט אָן דעם פֿאָר־באַדינג פֿון סאָלידער טראַדיציע און אַז עקספּערימענט אָן טראַדיציע איז אַן איבערבוי אָן אַ געביי. ביי אַזאַ לאַגע בלייבט דעם פּאָעט ביי אונדז איין ברירה:

אין די ד' אמות פֿון דעם אייגענעם שאַפֿן זען דורכצומאַכן די עוואָלוציע, וואָס ביי אַנדערע מאַכט עס דורך די גאַנצע פּאָעזיע. שאַפֿן, מיט אַנדערע ווערטער, אַן אייגענע טראַדיציע, צושטערן זי — און געפֿינען לסוף די סינטעזע צווישן דאָס אייגענע „אַלטע” און דאָס אייגענע „נייע”.

א. טאַבאַטשניק

# אונדזער פּאָעזיע פֿעלן קלאַסיקער

קיינמאָל פֿריער איז די פֿראַגע פֿון טראַדיציע אין דער ליטעראַטור נישט געשטעלט געוואָרן אַזוי אָפֿט און אַזוי באַוואוסטזיניק שאַרף ווי אין די לעצטע עטלעכע יאָר. אין דער ענגלישער און אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור זיינען פֿאַראַן גאַנצע גרופּן אַזוי גערופֿענע טראַדיציאָנאַליסטן אין אידייאישן און אין קינסטלערישן זינען.

דאָס מיינט נישט, אַז מען האָט טראַדיציע אין דער ליטעראַטור ערשט דאָ נישט לאַנג אַנטדעקט. נאָר אין די לעצטע פֿאַר צענדליק יאָר איז מען מער באַוואוסטזיניק געוואָרן וועגן דעם ענין טראַדיציע. און דאָס איז זייער סימפּטאָמאַטיש. עס ווייזט פֿון איין זייט אויף אַ שעפֿערישן קריזיס, אויף אַן אַלגעמיינער מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער פֿאַרווירונג און אומצוטרוי צו זיך. וואָרעם ווען מען ווייסט נישט, וואָס ווייטער צו טאָן, הייבט מען אָן אָנפֿרעגן ביי דער טראַדיציע, ווי ביי אַן אָראַקול. פֿון דער צווייטער זייט איז דאָס אונטערשטרייכן טראַדיציע אין דער ליטעראַטור אַ נאַטירלעכע און נייטיקע רעאַקציע קעגן דער צו־ווייט פֿאַרגאַנגענער עקספּערימענטאַלישקייט, וואָס האָט דערפֿירט צו אַזוינע עקסטרעמען, ווי דער דאַדאַיזם. אייגנטלעך זיינען ביידע מאָמענטן בלויז די פֿאַרשיידענע זייטן פֿון דער זעלבער מטבע.

אויך אין דער יידישער ליטעראַטור האָט מען לעצטנס גענומען רעדן

וועגן טראַדיציע, מער ווי ווען עס איז פריער, יעדנפאַלס אַנדערש ווי מען האָט גערעדט וועגן טראַדיציע מיט אַ פּאָר דורות צוריק. נ. ב. מינקאָוו איז ביי אונדז אין אַמעריקע, גלויב איך, געווען דער ערשטער, וואָס האָט אין זיין זשורנאַל „באָדן" גענומען רעדן וועגן טראַדיציע אין דעם זינען, ווי דאָס ווערט פאַרשטאַנען, למשל, פון דעם ענגלישן פּאָעט ט. ס. עליאָט. שוין דער נאָמען פון זשורנאַל — „באָדן" — איז כאַראַקטעריסטיש. מען מוז אָבער זיין פאָרזיכטיק, ווען מען רעדט, אָדער גאָר ווען מען פּרעדיקט טראַדיציאָנאַליזם אין דער יידישער פּאָעזיע, וואָס איז דאָך נאָך אַלע גליקן זייער אַ יונגע פּאָעזיע.

טראַדיציע קאָן מען פאַרשטיין אַזוי: עפּעס צו וואָס מען קאָן און מען דאַרף פון צייט צו צייט צוריקגיין, כדי צו קענען פאָראויסגיין. דאָס קאָן אָבער זיין אָדער אַ ווערזנטלעכער, אַנשוילעכער קינסטלערישער מוסטער, קלאַסיש פולקאָם אין סטיל און פאָרם, אָדער עפּעס וואָס האָט צו טאָן מיט וועלט־באַנעם, אָדער עס קאָן גאָר מיינען די אייביקע נשמה פון אַ פאָלק, דער נר־תמיד פון זיין גייסט, וואָס די קינסטלער ווי די אַמאָליקע לוויים דאַרפן היטן און אויפהאַלטן.

האָבן מיר שוין אין אונדזער פּאָעזיע פון די פריערדיקע צייטן עפּעס אַזוינס צו וואָס מיר זאָלן אין פּרט פון סטיל, פאָרם, דיקציע און אַפילו אידייאישן באַנעם און פאַרנעם — קאָנען צוריקגיין, כדי צו קאָנען פאָראויסגיין? בלויז טיילוויז. ראָזענפעלדס דינאַמיק, גרויסצוגיקע רעטאָריק, וואָרט־זיכערקייט, פולקייט, גאַנצקייט און אמתדיקייט פון געפיל, זיין אידייאישער פּאָזיטיוויזם קאָנען נאָך בלי ספק רעגן און באַאיינפלוסן. אָבער צוריקגיין צו ראָזענפעלדן, ווי די ענגלישע פּאָעטן גייען צוריק צו דאָנען, אָדער די רוסישע צו פושקינען, גלויב איך וועט היינט קיינער ניט רעקאָמענדירן. דאָס זעלביקע איז אויך בנוגע רייזינען. צוריקגיין צו רייזינען קאָן מען ניט, אָבער וויפל יידישע פּאָעטן וועלן נאָך באַזעלט ווערן פון רייזינס הומאַניזם, פון זיין חלום וועגן שלום, מעג זיין „די צייט ווי ווייט". יהואָש ווידער איז שוין פאַר אייניקע אי אַ מוסטער, אי אַ טראַדיציע, אָבער בלויז פאַר אייניקע, און עס איז נאָך אַ פראַגע ווי ערנסט און ווי אויפריכטיק זיי מיינען דאָס. וועגן ליעסינען ווידער קאָן מען דערווייל באַשטימט גאָרניט ניט זאָגן.

ווי עס זאָל ניט זיין, דאָס זיינען אַלץ ניט קיין פּאָעטישע מוסטערן ווי מען טרעפט אין ליטעראַטורן, וואָס האָבן הינטער זיך יאָרהונדערטער פון אַנטוויקלונג און פאַרמאָגן אַלוועלטלעכע קלאַסיקער. דער בראשית פון אונדזער פּאָעזיע, כ'מיין די צייט פאַר ראָזענפעלדן, איז צו פּרימיטיוו צו קאָנען ווערן אַ טראַדיציע. ער קאָן בלויז אויסגעשפּילט ווערן, סטיליזירט ווערן. אונדזערע „טראַדיציאָנאַליסטן" זיינען דעריבער דער עיקר סטיליזאַטאָרן, ווי לאַנדוי, מאַנגער, גלאַטשטיין. (אין פּרט פון יידישלעכן וועלטבאַנעם איז אונדזער וויכטיקסטער טראַדיציאָנאַליסט י. י. סיגאַל.)



Neugroschel & Tabatshnik both agree: a definite prose tradition; no tradition in poetry

אָבער ניט נאָר אונדזער בראשית, נאָר אַפילו די שפּעטערדיקע תקופות, אַפילו די „יונגע", וואָס האָבן דאָס ליד דערהויבן צו אַ באַשטימטער קינסטלערישער הייך, צו עפּעס וואָס איז ביז אַ גראָד מוסטערהאַפט און פאַרפליכטנדיק פאַר יעדן וואָס וויל היינט שרייבן לידער, אַפילו זיי האָבן ניט געשאַפן עפּעס אַזוינס וואָס קאָן בלייבן אַ טראַדיציע לדורות.

דער אמת איז אַז אונדזער פּאָעזיע, להיפּוך צו אונדזער פּראָזע, פעלן קלאַסיקער. די טאַטעס און די זיידעס פון אונדזער פּאָעזיע זיינען געווען קלענערע קינסטלער און פּערזענלעכקייטן ווי די טאַטעס און זיידעס פון אונדזער פּראָזע. און ווען עס זיינען שפּעטער שוין יאָ געקומען באַדייטענדע קינסטלער אין דער פּאָעזיע, איז שוין אָבער די צייט ניט געווען מסוגל אַרויסצוגעבן קיין קלאַסיקער.

די טראַדיציע אין אונדזער פּאָעזיע איז דעריבער די טראַדיציע פון אונדזער ליטעראַטור בכלל. און דער נאָמען וואָס קומט אין דעם פּרט דער ערשטער אויפן זינען, איז ווידער אַמאָל (מיט דער דערלויבעניש פון י. באַשעוויס) פּרץ. דאָס איז אָבער פאַר דער פּאָעזיע אין ענגן זינען פון וואָרט, ניט קיין טראַדיציע פון ווערק, פון פאָרם, פון ממשותדיקע קינסטלערישע דערגרייכונגען, נאָר אַ טראַדיציע אַ נשמהדיקע, אַ גייסטיקע. די דאָזיקע טראַדיציע הייבט זיך אָבער ניט אָן מיט דער פּאָעזיע אין דער יידישער שפּראַך, נאָר מיט דער פּאָעזיע פון יידישן גייסט בכלל. די דאָזיקע טראַדיציע האָט אפשר געשאַפן די יידישע פּאָעזיע, אָבער די פּאָעזיע אויף יידיש האָט נאָך דערווייל קיין טראַדיציע אין גרויסן זינען פון דעם וואָרט ניט געשאַפן. יענע ווערק אָבער אין דער יידישער פּאָעזיע, וואו עס ווערט איצט צום־קינסטלערישסטן, צום אָריגינעלסטן אויסגעדריקט די דאָזיקע טראַדיציע פון יידישן גייסט — יענע ווערק פאַרמאָגן אין זיך די עלעמענטן און מעגלעכקייטן צו ווערן פאַר די שפּעטערדיקע דורות מוסטערן און טראַדיציעס. ניט די זיידעס, נאָר די אייניקלעך שאַפן די טראַדיציע פון דער יידישער פּאָעזיע.

## מענדל נייגרעשל

# טראַדיציע און טראַדיציאָנאַליזם

ס'איז אַן אַלגעמיין באַקאַנטע זאַך, אַז אין איטלעכער ליטעראַטור זיינען פאַראַן צוויי זיך שאַרף פאַנאַנדערשיידנדיקע טיפּן: טראַדיציאָנאַליסטן און נאָוואַטאָרן. פאַראַנען אויך סינטעטיקער, וואָס האָבן די פעאיקייט, צונויפצופלעכטן די ביידע קעגנזאַצן אין אַ גאַנצקייט, וואָס האָט איר אייגענעם ווערט און סטיל. אַ וואונדערלעך ביישפּיל פון אַזאַ מין שרייבער איז געווען: א.

מ. דיק. דער סינטעז, וואָס ער האָט געגעבן פֿון דער (נאָוואַטאָרישער) משׂכּילישער דערציילונג און דער (טראַדיציאָנאַליסטישער) פֿאַקנטרעגער־מעשׂה, בלייבט ביז אויפֿן היינטיקן טאָג אַ קלאַסישע דערגרייכונג אין דער יידישער פּראָזע־קונסט.

די „מאָדערניסטיש" איינגעשטעלטע קריטיקער און לייענער האָבן דאָס רוב אַ ביטולדיקן קוק אויפֿן טראַדיציאָנאַליסט. מיט אומרעכט. דער דאָזיקער פֿאַלשער פּסק איז זיך סומך אויף אַ טעות. דער טעות באַשטייט דערין, וואָס מע אידענטיפֿיצירט דאָ דעם טראַדיציאָנאַליסט מיטן עפּיגאָן. זיכער האָבן זיי ביידע אַ געוויסע ענלעכקייט : זיי גייען ביידע אויף דעם אַזוי אָנגערופֿענעם „אויסגעטראָטענעם וועג" ; דער גרונט־חילוק באַשטייט אָבער דערין, וואָס דער עפּיגאָן פֿאַרלאָזט זיך דער עיקר אויף פֿרעמדע חושים (אַן עפּיגאָן אַשטייגער קען „באַשרייבן" אַ ים, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געזען, שוין אָפּגערעדט פֿונעם אָבליגאַטן „זון־פֿאַרגאַנג") בשעת דער טראַדיציאָנאַליסט פֿאַרלאָזט זיך בלויז אויף זיינע אייגענע חושים. ער נעמט איבער דעם פֿאָרם־פּרינציפּ פֿון אַ פֿריערדיקער צייט און קאָנקרעטיזירט אים מיט דער הילף פֿון אַן אייגענער איבערלעבונג צו אַן אייגענעם, נייעם אימאַזש. מיט גרייטן ווערקצייג שאַפֿט ער אַ נייע זאַך.

אַ גאַנץ ענלעכן טעות, ווי די שונאים פֿון טראַדיציאָנאַליזם, מאַכט אויך די אָנהענגער פֿון נאָוואַטאָרישקייט, ווען זיי זעען אין יעדן נאָוואַטאָר אַן „אָריגינעלן" שרייבער. דער אמת איז, אַז דער נאָוואַטאָר קען זיין אומאָריגינעל אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט.

ש. פֿרוג. וואָס איז אין דער יידישער ליטעראַטור געווען אַ נאָוואַטאָרישע דערשיינונג, איז אין דער רוסישער געווען אַ טראַדיציאָנאַליסט. סלאָוואַצקי און מיצקיעוויטש האָבן מיט זייערע פּאָעמען צעשטערט די עלטערע פּוילישע עפּישע פּאָעזיע, און זיינען פֿאַרט—אין די אָנהייב־יאָרן פֿון זייער שאַפֿן—ניט געווען מערער, ווי בייראָנס תּלמידים. אַן ענלעכס האָט זיך איבערגעחזרט אין דער רוסישער ליטעראַטור מיט לערמאָנטאָוון און פּושקינען.

מע צעשטערט אַלטע פֿאָרמען ניט צוליב אַ צעשטער־מאַניע. די נייע פֿאָרמען באַמיט מען זיך צו פֿאַרפֿעסטיקן און צו דערפֿירן צו אַ העכערער מדרגה. צו דעם איז נייטיק דער טראַדיציאָנאַליסט. אויב ער ברענגט ניט מיט זיך עפּעס איבעררשנדיק „נייעס", מוז ער זיין אַרבעט באַרעכטיקן מיט אַ העכערער דערגרייכונג. איז טאַקע ניט קיין חידוש, וואָס די מייסטע „קלאַסיקער" פֿון אַ ליטעראַטור זיינען אין תּוך גענומען טראַדיציאָנאַליסטן, ווי דאָס באַווייזט געטע, וועלכער דערגרייכט אַ קלאַסישע מדרגה נאָך דעם, ווי די „שטירמער און דרענגער" האָבן באַנייט די דייטשישע ליטעראַטור, אָבער ניט געהערט איר ווערט, און שלום עליכם, וואָס האָט דערגרייכט זיין קלאַסישע הויך אין אַ פּראָזע־סטיל, וואָס האָט געהאַט אַזאַ פֿאָרגייער ווי מענדעלע מוכר ספֿרים.



מע קען ריידן וועגן אַ יידישער פּראָזע־טראַדיציע. צי קען מען אויך רעדן וועגן טראַדיציעס אין דער יידישער ליריק? — שטרענג גענומען — ניט. די יידישע ליריקער זיינען שטענדיק געווען מער נוטה צו עקספּערימענטן און צו געוואַגטע שפּרונגען, ווי די פּראָזאיקער. אפֿשר דערפֿאַר, וואָס די פּראָזאיקער זיינען געווען מער אָפּהענגיק פֿון מאַסן־לייענער, בשעת די ליריקער האָבן לכתּחילה רעזיגנירט פֿון אַ ברייטערער פּאָפּולערקייט. קיין שום טאַלאַנטירטער ליריקער אין דער צייט פֿון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ניט געווען אַזוי „טראַדיציאָנעל" ווי דער פּראָזאיקער יוסף אָפּאַטאָשו און קיין שום ליריקער האָט ניט געמאַכט אַזעלכע פּשרות מיט דער טראַדיציע, ווי י. י. זינגער, וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן פֿון זיין שאַפֿן עקשנותדיק און האַרט באַקעמפֿט זיין איינגעבוירענע נאָוואַטאָרישקייט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז ס'זיינען דאָ טראַדיציאָנאַליסטן אין דער יידישער פּאָעזיע, אָבער אַ טראַדיציע — ווי מיר זעען דאָס אין דער יידישער פּראָזע — איז ניטאָ. פֿאַראַנען שולן (ווי די פּאָסט־ראָמאַנטיש־פּרוגישע, די נייראָמאַנטישע פֿון דוד איינהאָרן און מאַני לייב, די אינזיכיסטישע אא"וו) אָבער טיף איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס זיינען אויף דעם געביט ניט געשאַפֿן געוואָרן.

אַ טראַדיציע ליגט דעמאָלט פֿאָר, ווען אַ באַשטימטער נוסח פֿאַרפֿונדעוועט זיך אַזוי, אַז איטלעכער, וואָס דערוועגט זיך אים צו צעברעכן, ווערט פֿאַרשריגן פֿאַר אַ צעשטערער פֿון הייליקייטן, שיר ניט פֿאַר אַ גאָט־לעסטערער.

דער קאַמף, וואָס איז געפֿירט געוואָרן צווישן ראָזענפֿעלדן און די „יונגע", צווישן די „יונגע" און די „אינזיכיסטן", צווישן די „אינזיכיסטן" און דעם „פּראָלעטפּען", באַווייזט, אַז ס'זיינען געווען גרופּעס, וואָס זיינען אויסן געווען, אַריינצופֿירן און צו פֿאַרהייליקן אַ באַשטימטן קינסטלערישן נוסח, אָבער די אַלע קאַמפֿן האָבן ניט געהאַט דעם זעלביקן גערעכט, וואָס אין דער פּראָזע (וואָס האָט איבעריקנס קיין שום קאַמפֿן ניט מיטגעמאַכט).

מע מוז מאַכן אַ שאַרפֿן חילוק צווישן טראַדיציאָנאַליזם און טראַדיציע.

דער טראַדיציאָנאַליסט שטייט אויפֿן שטאַנדפּונקט, אַז מע מעג באַנוצן זיך מיט שוין פֿאַר אים אויסגעפֿונענע און אויסגעאַרבעטע פֿאָרמען (פֿאָרם — אין וויטן זין פֿונעם וואָרט) בשעת אַ טראַדיציע־אָנהענגער שטייט אויפֿן שטאַנדפּונקט, אַז מע טאָר ניט ענדערן די איינמאָל איינגעפֿירטע פֿאָרם־אָדער סטיל־טיפּן.

דעריבער קען דער טראַדיציאָנאַליסט אויך אָנערקענען אַ נאָוואַטאָר (למשל טאַבאַטשניק ראַוויטשן) בשעת ביי אַ טראַדיציע־פּאָעט וואָלט דאָס ניט מעגלעך געווען. דוד איינהאָרן, וואָס איז אַן אָנהענגער פֿון דער ראָמאַנטישער טראַדיציע אין דער יידישער ליטעראַטור, האָט ראַוויטשן, האָפּשטיינען און אַנדערע פּאָעטן פֿון זייער דור, וואָס האָבן זיך אָריענטירט אויפֿן עקספּרע־

סיאָניזם, דערקלערט פאַר פסעוודאָ־פּאָעטן און אַפילו פאַר פשוטע גראַפאָמאַנען.

איך האָב שוין אָנגעוויזן דערויף, אַז קיין טיף איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס זיינען אין דער יידישער ליריק ניט אויסגעפורעמט געוואָרן. אָבער צוויי ליטעראַרישע שולעס האָבן בײַ אונדז פאָרט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלעכן כאַראַקטער. איך האָב דאָ אינזינען די סאָוויעטיש־יידישע פּאָעטן און די יידיש־סאָציאַליסטישע פּאָעזיע פון די נײַנציקער יאָרן אין אַמעריקע. מען מוז שוין פאַרמאָגן די בליציקע שאַרפקייט פון אָדלערשע אויגן, כדי צו קענען אונטערשיידן איין סאָוועטיש־יידישן פּאָעט פונעם אַנדערן אָדער אַ נייטן לעמפערט פון אַן עוזר סמאָלענסקין, זיילינען, פרענאָוויצן אָדער אַ וויליאַם קייזער.

ווען אַ יידיש־סאָוויעטישער פּאָעט וואָלט צו שטאַרק אָפּגעטראָטן פון דעם אַזוי אָנגערופענעם „קיעווער נוסח”, וואָלט מען אים מסתמא פאַרשריגן פאַר אַ טראָצקיסט, און ווען דער „פאָרווערטס” האָט — סוף פון די נײַנציקער יאָרן — פאַרעפנטלעכט אַ ליד (פון יהואָשן דאַכט זיך), וואָס איז אַרויסגעפאַלן פונעם סאָציאַלן שאַבלאָן, האָט ער זיך פאַר דער דאָזיקער זינד געמוזט אַנטשולדיקן פאַרן לייענער.

אָט דאָס איז שוין אַ וועג, וואָס פירט צו טראַדיציע.

טראַדיציע — וואָס דערפירט צו שאַבלאָן, פאַרגליווערטקייט, קורץ: צו עפּיגאָניזם.

צווישן עפּיגאָניזם און טראַדיציאָנאַליזם איז אָבער דאָ אַ חילוק, ווי איך האָב שוין דערמאָנט בײַם אָנהייב פון מײַנע אויספירונגען.

עס וואָלט דערפאַר (אַצינד קומט דער מוסר השכל) געווען וויכטיק, ניט צו קוקן מיט אַזאַ — אומבאַרעכטיקטן — ביטול אויף דעם דור יידישע פּאָעטן, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער צײַט פון נאָכן עקספּרעסיאָניזם, דעם דור פון רובינשטיין, שנאַפער, שטיקער, טאַבאַטשניק און אַנדערע, עס איז די העכסטע צײַט צו וויסן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט טראַדיציאָנאַליסטן, ניט מיט עפּיגאָנען, און ס'איז שוין די סאַמע העכסטע צײַט, אַנידערצושטעלן דעם דערמאָנטן דור פּאָעטן אויף אַזאַ פּאָזיציע אין דער יידישער ליטעראַטור, אַז די קריטישע באַלייכטונג זאָל קענען זײַן אַן אמתע און אַ ריכטיקע.



י. קיסין

# אין די גרענעצן פון אונדזער לשון

אונדזער געשיכטע איז פול מיט ניסים, און ניט דער קלענסטער פון זיי איז אונדזער יידישע פּאָעזיע, וואָס קאָן אויסהאַלטן אַ פאַרגלײַך מיט דער דיכטונג פון אַנדערע גליקלעכערע אומות. היינט, אינמיטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, זיינען מיר, דאָס עלטסטע פון די מערב־פעלקער, נאָך צו יונג מיט אונדזער יידישער פּאָעזיע צו קאָנען אָנווייזן אין איר אויף פעסטע קלאָרע אייגענע טראַדיציעס. מיר האָבן נאָכאַמאָל אָפּגעוואָרפן די פאַלשע רייד פון אונדזערע שונאים, אַז מיר זיינען אַן אומקינסטלעריש פאָלק. לאַנג פאַר די 1945 קריסטלעכע יאָרן האָבן מיר דאָך שוין געגעבן דער וועלט די וואונדערלעכע דערציילונג רות, דעם ספר איוב און דעם שיר השירים און דעם תהילים, די נביאים און דעם קהלת. אָבער איצט, אין ניו יאָרק, דעם נייעם צענטער פון דער וועלט און פון די יידן, האַלטן מיר אינמיטן אַ נייעם אָנהייב. און יידישע פּאָעטן איז שווער צו ריידן וועגן אַ זאַך, וואָס איז אַזוי פשוט און קענטיק אין אַנדערע ליטעראַטורן. איז דאָס ניט אַ חידוש? צי מיינט דאָס ניט, אַז די יידישע וואָרט־קונסט ווייזט ניט אַרויס קיין פייאיקייט צו לעבן?

דורכאויס ניט. און קיין חידושים זיינען דאָ אויך ניטאָ. עס איז נאָך ניט געוואָרן קיין זעכציק יאָר, זינט פרוג האָט גענומען אַרויסברענגען זיינע ערשטע יידישע לידער. עס איז נאָך ניטאָ קיין פערציק יאָר, זינט יידישע שריפטשטעלער זיינען זיך צוזאַמענגעקומען בײַ דער קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, צו פּראָקלאַמירן יידיש פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן לשון, און וואו, ווי בעל מחשבות האָט געשריבן, מען האָט געזאָלט „אַרויסבאַקומען כללים און נאָרמעס פון דער שפּראַך, וועלכע לעבן אין איר אַ שטילן פאַרבאַהאַלטענעם לעבן זייט הונדערטער יאָרן”.

דאָס איז געווען אַ נייער אָנהויב — צום וויפילטן מאָל? אָבער אַן אָנהויב אַן אָרגאַניזירטער, מיט אַ באַוואוסטזיניקן ווילן צום לעבן: זאָל יידיש זיין אַ לעצטע סטאַנציע נאָך די לאַנגע שפּראַך־וואַנדערונגען. אין די צוויי טויזנט יאָר גלות האָבן מיר געהאַט אַ סך סטאַנציעס, געשאַפן אין פאַרשידענע צייטן ליטעראַטור און דיכטונג אין אַלערליי לשונות, פרעמדע און אייגענע. מיר האָבן קיינמאָל אינגאַנצן ניט אויפגעהערט זיין אַ ליטעראַטור און קונסט־שאַפעריש פאָלק. און אין די הונדערטער יאָרן, זינט עס איז געבאָרן געוואָרן אונדזער היינטיקער שיינער יידישער לשון, האָבן מיר באַוויזן צו באַשאַפן אַ רייכע פאָלק־דיכטונג. מיר האָבן אָבער, צוליב היסטאָרישע סיבות, ביז דער גאָר לעצטער צייט ניט באַוויזן צו באַשאַפן קיין אָרגאַניזירטע ליטעראַטור, — דאָס האָט מען אָנגעהויבן